# וכל מאמינים


א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת אמור תשפ"ד שנה י | גליון מס' 533



בני אמונים מתחזקים בעניית אמן

ת.ד 102 בני ברק | פקס: 03-5055919

9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## פאר א 'נשיא' בישראל מעג זיך אויך א כהן מטמא זיין

**"וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם לְנֶפֶשׁ לֹא יִטַּמָּא בְּעַמָּיו"** (כא א)

אין דער פיוט פון "אלה אזכרה" וואס מען זאגט ביי מוסף יום כיפור, וואו מען רעכענט אויס די הריגות איבער די עשרה הרוגי מלכות, ווערט דארט אויסגערעכענט אז ווען האט אפגעשניטן די קאפ פון דער הייליגער תנא רבן שמעון בן גמליאל הנשיא האט רבי ישמעאל געשריגן ווי א שופר די פאלגענדע ווערטער: אי הלשון הממהרת להורות באמרי שפר, ואיך עתה לוחכת את העפר".

דער דאזיגער שרעקעדיגער מעמד ווערט אויך דערמאנט אין די קינות וואס מען זאגט תשעה באב און הייבט זיך אן מיט די ווערטער 'ארזי הלבנון' און דאס איז די לשון דארט: "נטל ראשו ונתנו על ארכבותיו מנורה הטהורה. שם עיניו על עיניו ופיו על פיו באהבה גמורה. ענה ואמר פה המתגבר בתורה פתאום נקנסה עליו מיתה מעוונה וחמורה".

די שאלה וואס מען פרעגט אויף די געשעעניש איז דאך אז רבי ישמעאל איז דאך געווען א כהן גדול און ווי אזוי האט ער זיך מטמא געווען צו אים שלא לצורך?

דער בעל הפלאה' רבי פנחס ענטפערט: דער רמ"א פסקנ'ט דאך (יו"ד שעג ז) אז ווען עס קומט אויס פאר א כהן אז ער דארף זיך מטמא זיין פאר איינס פון די זיבן קרובים, פארוועמען ער מעג זיך מטמא זיין, מעג ער אין יענע צייט זיך אויך מטמא זיין צו אנדערע מתים, ווייל ער איז נישט דאן מוסיף טומאה על טומאה.

מיט דעם געט ער צו פארשטיין די בחינה אז ווען מען האט גע'הרג'ט רבי שמעון איז רבי ישמעאל געשטאנען מיט אים אין איין מחיצה און ער איז געווארן טמא פון דעם אליין און איינמאל אז ער איז שוין טמא געווארן פון אים, האט ער מער נישט מוסיף געווען קיין טומאה און וועגן דעם איז נישט דא ביי אים קיין איסור זיך מטמא צו זיין נאכאמאל. ('פנים יפות' פרשת חוקת).

נאך א מהלך זאגט דער בעל 'מנחת אלעזר': אז חז"ל האבן געזאגט (ירושלמי ברכות ג א) אז ווען א נשיא שטארבט מעג'ן זיך די כהנים מטמא זיין צו אים ווייל עס איז א כבוד פון א נשיא אז אלע זאלן זיך מתעסק זיין מיט אים און ווייל רבי שמעון בן גמליאל איז געווען א נשיא, האט זיך רבי ישמעאל געמעגט מטמא זיין צו אים. ('דברי תורה' מהדורה תשיעאה אות ע).

## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## ענטפערן אמן כהלכה איז א קידוש השם

אין די וואכעדיגע פרשה לערנען מיר איבער די מצוה פון מקדש זיין שם שמים בעולם. די תוה"ק זאגט אונז די מצוה (ויקרא כב לב): "ונקדשתי בתוך בני ישראל", אבער אין די זעלבע צייט זאגט אונז די תוה"ק אויך אן אז מיר זאלן נישט מחלל זיין שם קדשי, ווי עס שטייט אין פסוק (שם): "ולא תחללו את שם קדשי".

די מצוה פון קידוש שם שמים איז א ברייטע מצוה, עס נעמט אריין אין איר אסאך פרטים. עס איז נישט דא די ארט אריינצוגיין אין אלע פרטים אבער מיר וואלטן יא געוועהן ארומרעדן איבער צוויי נקודות וואס זענען נוגע די הלכה און דאס איז אויך נוגע דער ענטפערן אמן - וויילביידע ווערן אריינגערעכענט אין די מצוה פון קידוש ה' און דאגעגען אויך צו די מצוה פון חילול ה'.

מיט א קלארקייט זאגט עס ארויס דער רבינו בחיי אין זיין באקאנטער מאמר איבער די נושא פון עניית אמן. דארט אין פרשת בשלח (שמות לא יד) שרייבט ער די פאלגענדע ווערטער און מיר ברענגען דא אראפ זיין הייליגער לשון: "המקפיד על עניית אמן כראוי, זה הוא המכבד את ה' יתברך באמת, אשר עליו אמר הכתוב (שמואל-א ב ל): 'כי מכבדי אכבד'. וכל מי שאינו נזהר במילת אמן לכוון בכל כוחו וכוונתו, הרי זה מבזה את ה' יתברך, ועליו אמר הכתוב (שם) 'ובזי יקלו'".

די רבינו בחיי זאגט דא מורא'דיגע ווערטער. לויט אים קומט אויס אז ווער עס איז מקפיד צו ענטפערן אמן כהלכה איז מכבד ומקדש דעם באשעפער. דאגעגן ווער עס געט נישט זיין ליבו ומוחו צו ענטפערן אמן כראוי איז ער אין די בחינה פון הריהו "מבזה את ה'". און ער איז חלילה עובר אויף די הארבע עבירה פון; "חילול ה'"!

אין די מוסר רייד וואס הקב"ה האט געזאגט פאר'ן כלל ישראל נאכ'ן חטא המרגלים האט הקב"ה געזאגט פאר משה (במדבר יד יא): "עד אנה ינאצני העם הזה". עס קען זיין אז עס באהאלט זיך צווישן די ווערטער א רמז צו אונזער נושא, די ראשי תיבות פון די ווערטער איז די גימטריא צ"א אזויפיל ווי עס באטרעפט אמן און דאס שטימט ממש מיט די ווערטער פון דער רבינו בחיי אז א זילזול אין אמן איז גורם חלילה צו א ניאוץ אין שם שמיים, חלילה.

די געדאנק ליגט אויך גוט מיט וואס עס שטייט ווייטער: "ועד אנה לא יאמינו בי", ווייל עס האט זיי געפעלט דער אמן - דער יסוד האמונה.

עס קען אויך זיין אז וועגן דעם דרוקט זיך דער שלחן ערוך אויס (או"ח קכד ז) מיט אזא הארבע אויסדרוק אויף ווער עס רעדט שיחת חולין בי חזרת הש"ץ און זאגט: "ואם שח הוא חוטא, וגדול עונו מנשוא" ווייל ווי געשמועסט איז א שיחה ביי חזרת הש"ץ גורם אז מען זאל מזלזל זיין אין די עניית אמן און דאס איז גורם צו חילול השם, ווי געשמועסט. מיט דעם פארשטייט מען אויך דער מאמר חז"ל וואס דער משנה ברורה ברענגט אראפ (נו ס"ק א) בשם דער מדרש אז רבי חמא האט געטראפן את אליהו הנביא און געזען ווי ער שלעפט מיט זיך טויזנטער קעמלעך אנגעלאדנט מיט "אף וחימה" און געזאגט אז זיי זענען אנגעגרייט פאר די וואס רעדן ביי קדיש, ווייל עס איז א נושא פון חילול ה' ה"י!

לאמיר מקבל זיין אויף זיך די פארקערטע, אז מיר גיין מכבד זיין השי"ת מיט'ן ענטפערן אמן כהלכתה און זוכה זיין צו אלע ברכות וואס זענען אנגעגרייט פאר די מקדשי ה'.

**מיט א קריאה פון "כי מכבדי אכבד"**

יעקב דוב מארמארשטיין

# — דער איסור צו רעדן ביים דאווענען — אויך ווען מ'וויל בעטן מחילה —

עס איז געווען אין די ערשטע יארן ווען דער גרויסער צדיק רבי שאול בראך זצ"ל האט אנגעהויבן דינען ברבנות אין די שטאט קראלע אין אונגארן. א גדול בתורה איז דער רב געווען. אויסער זיין גאונות איז ער אויך געווען בארימט מיט זיין שטארקקייט און שטרענגקייט אויף יעדע דבר שבקדושה, בפרט ווען עס האט זיך גערעדט פון עניני כבוד שמים, ווי רעדן ביים דאווענען אין שול.

עס איז געווען אין יענער צייט ווען ער איז אנגעקומען אין די שטאט, ווען ער האט באמערקט אז אין די שטאט הערשט א שטארקע נאכגעלאזנקייט אין די נושא פון רעדן ביים דאווענען. זוכנדיג נאך א פאסיגער וועג ווי אזוי עס אפצושטעלן איז אים בייגעפאלן א געניאלער מהלך.

ווי אלע רבנים אין שטאט איז זיין ארט געווען אין די מזרח טייל שול אבער גלייבנדיג אז פון דארט וועט דער אפעקט זיין שוואך האט ער אריבערגערוקט זיין סטענדער צו אינמיטן שול. אז ער וועט שטיין אינמיטן שול, וועט ער שטיין פארענט פון די אידן און זיי מעורר זיין און די רעדעריי וועט זיך אפשטעלן.

די מהלך האט פיין געארבעט. איין טאג זענען די אידן געקומען דאווענען אין שול און צו זייער וואונדער טרעפן זיי אז דער רב שטייט אויבנאן אין שול, נאר אין צענטער פון שול.


די שול אין די שטאט קאשוי אין סלאוואקיי

די אידן האבן זיך געוואונדערט און פארשטאנען דעם רמז און פון דאן און ווייטער האט געהערשט א שטילקייט אין שול.

מען קען אסאך שרייבן איבער די הארבקייט וואס דער רעדן אין שול האט פארנומען ביים רב אבער דוכט זיך אז די מעשה געט ארויס זייער אסאך פון זיין צוגאנג.

בימים ההם איז דער רעספעקט פון א רב געווען זייער שטארק, בעיקר אין די אונגארישע שטעט. עס איז נישט געווען אזא זאך אז א איד זאל זיך וואגן און טון עפעס קעגן דעם רב. אזוי איז עס געווען דורי דורות אבער אין יענע יארן האבן זיך זאכן געטוישט נאך דעם וואס די השכלה האט זיך אנגעהויבן אריינכאפן אין די קהילות פון כלל ישראל און אנגעזייעט א חורבן אין די אידישע קהילות.

אויך אין די שטאט קראלע האט זיך די השכלה אנגעהויבן אריינצוכאפן און דער איינגעפירטער מנהג אז דער רב האט דער לעצטערווארט און אז אלעס וואס ער הייסט דארף מען פאלגן איז געווארן שוואכער.

צווישן די אידן וואס האבן זיך געוואגט ארויסצוגיין קעגן דעם רב האט זיך געציילט דער ראש הקהל פון די שטאט. אין יענער צייט האט זיך געמאכט אז די חזנות פאסטן אין די שטאט איז געווארן ליידיג און עס האט זיך אויסגעפעלט מען זאל ברענגען א נייער חזן אין די שטאט.

נאכ'ן פארשפרייטן אין די גאס אז מען זוכט א חזן זענען עטליכע חזנים זיך געקומען אנגעבן צו דינען פאר די פאסטן. דער ראש הקהל האט אויסגעהערט די חזנות שטיק פון יעדן איינעם און געזאגט זיינע קאמענטארן.

האט זיך געמאכט אז איין חזן האט זייער שטארק נושא חן געווען אין די אויגן פון דעם ראש הקהל און אים געוואלט נעמען אלץ חזן אבער דארפנדיג האבן די הסכמה פון דעם רב האט אים דער ראש הקהל געשיקט צום רב, בעטן ער זאל זאגן זיין מיינונג אויף אים.

פאר'ן רב האט ער נישט געפאלן, ער האט געהאלטן אז ער איז צו א פראסטער פאר די שטאט און נישט ערלויבט אז מען זאל אים נעמען אלץ חזן.

פאר'ן ראש הקהל האט די החלטה זייער פארדראסן. ער האט זייער שטארק געוואלט אז ער זאל ווערן דער חזן אין די שטאט און נאר וועגן דער רב לאזט נישט - וועט מען דערלייגן אזא גוטער חזן.

ווייסנדיג אז דער ארויסגיין קעגן דער רב איז נישט אזא גרינגער זאך האט ער געוואלט האבן די מאסן מיט זיך. טראכטנדיג ווי אזוי דאס קען געשען איז אים בייגעפאלן א בייפאל, ער האט באשלאסן צו אראנדזשירן א מלוה דמלכה, וואו ער וועט איינלאדענען אלע פראסטע לייט, די יונגען פון די קהילה, מען וועט אויך רופן דעם חזן און אים בעטן ער זאל דארט זינגען, דער עולם וועט זען אז ער זינגט שיין און מען וועט וועלן וויסן פארוואס מען נעמט אים נישט אלץ חזן און דא וועט ער האבן א געלעגענהייט אנצוהעצן דעם ציבור קעגן דער רב.

א גרויסער ציבור האט אנטיילגענומען ביי די מסיבה. עס איז אריבער מיט א גרויסע פאראדע. דער חזן האט זיך געלאזט הערן און דער עולם האט עס געגליכענט, אויך דער ראש הקהל האט אים אויסגעלויבט אבער ענדע האט ער אויסגעפירט מיט א געמאכטער ווייטאג, אז מען קען אים נישט נעמען ווייל....

דער ראש הקהל האט אויסגעפירט אז האפענטליך איז עס א צייטווייליגער זאך און בקרוב ממש וועט מען שוין טרעפן א וועג ווי אזוי מען זיך אן עצה געבן מיט דעם רב.

צווישן די פארזאמעלטע איז געווען אזאנע וואס האבן געקוואלן פון זיינע ווערטער אבער עס איז אויך געווען אזאנע וואס עס האט זיי פארדראסן און זיי זענען אריבער צום רב און אים איבערדערציילט די געשעעניש.

ווען דער רב האט געהערט וואס עס גייט דא פאר און אז א חלק פון דעם ציבור גייט זיך אננעמען פאר זיין כבוד איז ער גלייך געלאפן צו די שול וואו דער ראש הקהל האט געדאווענט. דארט האט ער שוין געטראפן היציגע יונגען מיט די ישיבה בחורים וואס האבן אפגעווארט דעם ראש הקהל און זיך געוואלט אפרעכענען מיט אים.

דער רב וועלנדיג פארמיידן עס זאל אויסברעכן א פייער האט פארשיקט אלע בחורים און זיי פארשפראכן אז ער וועט שוין וואס מען קען טון.

אין די זעלבע צייט איז דער ראש הקהל אהיים צו זיין שטוב. נישט ווייסנדיג איבער די רעש האט ער געפירט זיין סדר היום ווי געווענליך. אין שטוב איז געווען א פיצעל קינד און די פרוי האט געהאלטן אינמיטן אויפקאכן הייסע מילעך און ווען די מילך האט אויפקאכט און עס האט געדראאעט אז עס זאל איבעררינען האט די פרוי געבעטן דעם ראש הקהל אז ער זאל אראפנעמען דעם טאפ פון פייער. דער ראש הקהל האט זיך דערנענטערט און דא האט פאסירט א שרעקעדיגע זאך, די מילך איז ארויפגעפאלן אויפ'ן קינד און דאס קינד איז נפטר געווארן אויפ'ן ארט רח"ל.

עס איז געווארן א רעש אין די שטאט. יעדער האט דא געזען דעם יד ה'. אויך דער ראש הקהל האט דערהערט דעם געדאנק און אויפשטייענדיג פון די שבעה איז ער געלאפן איבערבעטן דעם רב.

דער רב האט דאן געהאלטן אינמיטן דאווענען און געוואלט אויסקלאפן אויפ'ן בימה און אויסרופן אז ער בעט מחילה פאר'ן רב אבער דער רב האט אים אפגעשטעלט.

"ווער האט דיר מתיר געווען צו רעדן - מען האלט יעצט אינמיטן דאווענען..... מען מעג נישט רעדן".

די מעשה האט שטארק אפגעהילכעט אין די גאנצע שטאט. מען האט געזען אז אפילו אזא זאך מעג מען נישט זאגן אינמיטן דאווענען - ווייל אויסרעדן אינמיטן דאווענען איז אזא הארבער זאך.

'שאול בחיר ה" עמ' קכה

# דרך אמונים

## פניני הלכה פון די וואכענדיגע פרשה

## די ברכה וואס מען מאכט ווען מען איז זיך מוסר נפש למען שמות יתברך

## "וְלֹא תְחַלְּלוּ אֶת שֵׁם קָדְשִׁי וְנִקְדַּשְׁתִּי בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֲנִי ה' מְקַדִּשְׁכֶם" (כב לב)

פון דער פסוק: "ונקדשתי בתוך בני ישראל" לערנען חכמים ארויס (סנהדרין עד א) אז א מענטש איז מחוייב זיך מוסר נפש צו זיין און נישט עובר זיין אן עבירה אויף די דריי עבירות וואס עס שטייט ביי זיי "יהרג ואל יעבור".

דער חידוש איז אז אזוי ווי ביי אנדערע מצות האבן חז"ל מתקן געווען מען זאל מאכן א ברכה איידער מען איז מקיים די מצוה איז אויך דא דערביי א ברכה וואס מען זאל מאכן ווען מען גייט אומגעקומען אויף קידוש שמות יתברך און ווי עס שרייבט דער גאון רבי מנחם ריקאנטי (פסקים סימן ע): "המקדשים את השם חייבים לברך על קידוש השם הנכבד והנורא, כיון דהוא מצוות עשה דאורייתא דכתיב: 'וְנִקְדַּשְׁתִּי בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל'".

אויף די תקנה אז מען זאל מאכן די ברכה פרעגט דער הייליגער של"ה הק' (שער האותיות מערכת א נז - נט): אז מיר ווייסן דאך און אזוי ווערט געברענגט בשם די ראשונים (שו"ת הרשב"א א יח; אבודרהם שער ג - ברכת המצוות ומשפטיהם) אז מען מאכט נישט א ברכה אויף א מצוה וואס איז נישט תלויה אינגאנצן אין דער מקיים, נאר אין א צווייטן און לכאורה איז די מצוה פון קידוש ה' אזא סארט מצוה, ווייל עס איז נישט נאר תלוי אין דער וואס איז זיך מוסר נפש פאר הקב"ה, אין יעדע רגע קען דער וואס גייט הרג'נען מחליט זיין אז ער גייט נישט אויספירן די מצוה?

נאר פירט אויס דער של"ה הק' אז אין די רגע וואס א מענטש איז מחליט אז ער גייט מקדש שם שמים זיין האט ער שוין מקיים געווען די מצוה, אפילו אויב עס האט זיך געפירט אז אין די לעצטע מינוט איז ער ניצול געווארן פון טויט, ווי עס איז געווען ביי דניאל און זיינע חברים. די זעלבע זאך ווערט אויך געברענגט אין ספר חסידים (אות רכב) בשם רבי שבתי וואס איז גע'הרג'ט געווארן אז ער האט זיך באוויזן אין חלום און אים געזאגט אז די וואס זענען מחליט צוגיין אויף קידוש ה' זאל מיין חלק זיין מיט זיי אין גן עדן, אפילו אז זיי זענען ניצול געווארן אין די לעצטע מינוט.

אין שו"ת 'מענה אליהו' (סי' ל) שרייבט דער אדר"ת אז מען האט אים געפרעגט אז עס קען דאך נישט זיין אז מען זאל מאכן א ברכה אויף א זאך וואס איז געבינדן מיט פורעניות און ווי מען טרעפט אין די ראשונים אז מען מאכט נישט א ברכה ווען מען הרג'ט איינעם וואס איז חייב ד' מיתות בית דין?

דער אדר"ת ענטפערט פאר'ן שואל אז ער מאכט א טעות, אז דער וואס געט זיך איבער פאר הקב"ה איז נישט קיין פורעניות און וועגן דעם קען מען יא מאכן ביי זיי א ברכה.

דער של"ה הק' ברענגט אראפ די נוסח הברכה וואס מען זאל מאכן ווען מען האלט ביי די מצוה, ער שרייבט אז מען זאל מאכן די פאלגענדע ברכה: "ברוך אתה ה' אלוקינו מלך העולם אשר קדשנו במצוותיו וציונו לקדש שמו ברבים". דער 'קרבן נתנאל' (פסחים פ"א סי' י אות כ) איז חולק און שרייבט אז מען זאל מאכן "על קידוש השם".

אין ספר 'יוסף אומץ' (דיני המקדש השם סי' תפג) ברענגט ער אראפ א לאנגע ברכה וואס מען זאל מאכן ווען מען איז זיך מוסר נפש, מיר ברענגען דא אראפ די ברכה: "ברוך אתה ה' אלוקינו מלך העולם אשר קדשנו במצוותיו וציוונו לאהוב שם הנכבד והנורא, ההיה וההווה והעתיד להיות. בכל לבבנו ובכל נפשנו ולקדש שמו ברבים, ברוך אתה ה' מקדש שמך ברבים".

רבי אפרים אשרי איז מעיד בשם דער קדוש רבי אליהו מוורשה הי"ד אז איידער די קדושים רבי אלחנן וואסערמאן און זיין זון דער עילוי רבי נפתלי הי"ד זענען אומגעברענגט געווארן על קידוש ה', האט רבי אלחנן איבערגעזאגט פאר זיין זון וואס ער האט געהערט פון דער הייליגער 'חפץ חיים' ביי די ערשטע וועלט קריג אז ווען א איד איז זוכה און ער איז זיך מוסר נפש פאר שמו יתברך דארף ער מאכן די ברכה ווי די נוסח וואס עס ווערט געברענגט אין של"ה הק' (שו"ת 'ממעמקים' ח"ב סי' ד).

•

עס איז באקאנט אז דער בעל 'יסוד ושורש העבודה', האט זיך מוסר נפש זיך אריינמצושטופן צווישן מענטשן צו קענען ענטפערן אמן אויף די ברכת קידוש ה' פון דער קדוש רבי אליעזר בן רבי משה מוורבלוב הי"ד וועלכע איז נידון געווארן למיתה ביי די ביטערע בלוט בילבול און אפילו אז מען האט מציע געווען אז ער קען זיך אויסלייזן פון די גזירה, אויב ער וועט זיך שמד'ן האט ער זיך מוסר נפש אין דעם צווייטן טאג שבועות אין יאר תק"ן.

פתח דבר לצוואת בעל 'יסוד ושורש העבודה' מהדורת ווילנא תרפ"ט

# תענה אמונים

## געקליבענע פנינים אויפ'ן סדר התפילה

## די כח פון הקב"ה איז דא אויף אייביג

**שִׁירוּ לַה' כָּל הָאָרֶץ בַּשְּׂרוּ מִיּוֹם אֶל יוֹם יְשׁוּעָתוֹ**

**רבי סעדיה גאון געט צו פארשטיין:**

די גוים וואס גלייבן אז די וועלט פירט זיך דורכ'ן מזל און די כוכבים און די מזלות זענען שולט אויף די וועלט ווייסן אז דער מזל פון היינטיגן איז משפיע אויף די וועלט. מען קען בעטן אז דער מזל זאל זיך טוישן, אבער די מזל פון דעם טאג קען נאר משפיע זיין אויף דעם טאג, עס איז נישט דא קיין וועג אז דער מזל פון היינט זאל משפיע זיין אויף מארגן, ווייל מארגן איז א צווייטער מזל שולט אויף די וועלט, אבער א איד וואס ווייסט אז די מזלות האבן נישט קיין שום כח און אז נאר דער רבוש"ע איז דער עשה ועושה ויעשה, ווייסט אז די טאג איז א טעכנישער זאך, אז מען קען בעטן פון היינט אויף מארגן און פארקערט אויך פון נעכטן אויף היינט.

די נקודה ווערט ארויסגעברענגט אין די מזמור. ווען דוד המלך וויל אויסדרוקן די כח פון הקב"ה זאגט ער פאר'ן כלל ישראל: "שירו לה'" זינגט'ס צום רבוש"ע, צו דער גאט וואס ביי איז איז נישט דא קיין הגבלה, איין טאג איז משפיע אויף די צווייטע און ווי עס שטייט ווייטער: "מִיּוֹם לְיוֹם יְשׁוּעָתוֹ".

מיט דעם דערהער געט ער צו פארשטיין די טענה'ריי פון פרעה און משה רבינו. נאך די מכה פון צפרדע האט פרעה געבעטן פון משה ער זאל מתפלל זיין אז צפרדעים זאלן אוועקגיין מארגן (רש"י שמות ח ה).

שטעלט זיך די שאלה פארוואס האט פרעה געבעטן עס זאל אוועקגיין מארגן - ער וואלט דאך געקענט בעטן עס זאל אוועקגיין גלייך?

נאר פרעה האט נישט געגלייבט אין מלכות שמים, ער האט געגלייבט אז די וועלט ווערט געשפירט פון די שטערענס און פון די מזלות און אויב עס ווערט געפירט פון די שטערנס און די מזלות איז נישט מעגליך אז דער היינטיגער טאג זאל משפיע זיין אויף מארגן. וועגן דעם האט ער אים געצימבלט זאגנדיג לאמיר זען, דו טענה'סט דאך אז זיין בורא איז כל יכול, לאמיר זען צי די קענסט דאווענען היינט אויף מארגן.

משה רבינו האט אים טאקע גענטפערט (שמות שם ו): "כדברך למען תדע כי אין כה' אלקינו" - איך וועל בעטן היינט אויף מארגן און דו וועסט זען אז עס וועט מצליח זיין ווייל אונזער קעניג ווערט נישט געפירט פון די כוכבים ומזלות, ער איז שולט אייביג, פון היינט אויף נעכטן און אויף אייביג, ווי עס איז טאקע געווען אז די צפרדע איז אוועק מארגן פון די תפילה פון איין טאג אויף די אנדערע. ('אור עולם' [לרי"ל מרגליות] דף כג ע"ב)

## שערי ישועה
### די סגולה פון ענית אמן

די היינטיגע געשיכטע האט זיך אפגעשפילט מיט עטליכע יאר צוריק. אין איינער פון די באקאנטע קהילות האט מען אפגעראכטן א אריסטאקראטישער שבת פאר די עשירים פון די קהילה, נאך דעם וואס יעדער פון זיי האט זיך אונטערגענומען בייצושטייערן א שיינע סומע געלט פאר דער מוסד.

דער יעניגער שבת איז פארגעקומען אין פוילן און עס איז געווען צוגערישט מיט אלע ערליי צוגעהערן, ווי עס פאסט זיך פאר אזא שבת. די תפילות זענען געווען אין א געשמאקער שטימונג, באגלייט מיט שיינע בעלי תפילה.

איינס פון די ערטער וואו די מוסד האט געגלייבט אז זי וועט קענען אויפטרייבן שיינע סומעס איז געווען ביים לייענען. עס האט געהייסן אז מען וועט פארקויפן די עליות און די געלטער וואס וועט אריינקומען וועט גיין פאר די הוצאות המוסד.

נאכ'ן ארויסנעמען די ספר תורה האט מען אנגעהויבן צו פארקויפן די עליות. דער ערשטער עליה פון כהן איז געגאנגען פאר ווייניג געלט, זינט דער רוב זענען נישט קיין כהנים, די זעלבע איז אויך געווען די עליה פון לוי.

שפעטער זענען די עליות געווארן העכער און העכער ביז מען איז אנגעקומען צו די שפיץ עליה. דא האט זיך אנגעהויבן א טענה'ריי ווען יעדער העכערט די פרייזן און וויל געבן מער, זוכה צו זיין אין די עליה.

דער גבאי פון זיין זייט האט אנגעווארעמט דעם ציבור צו הייבן די סומעס, יעדער האט געהויבן און די עליה איז ארויף העכער און העכער. ביסלעכווייז זענען אלע אנדערע ארויסגעפאלן פון דעם פארמעסט, עס איז בלויז געבליבן צוויי מיטגלידער און צוויי האבן זיך ארומגע'טענה'ט ווען יעדער איינער ציהט ארויף העכער די סומע.

די סומע איז אריבער די צוואנציג טויזנט און עס איז שטיין געבליבן ביי פינף און צוואנציג טויזנט דאלער.

## דער 'אמן' וואס האט מכריע געווען

דערגרייכנדיג אזא נומער האט אויסגעזען ווי איין עושר האלט ביים אויפגעבן און דער צווייטער גייט געווינען די פארמעסט.

אבער דאן האט פאסירט א דראמאטישע זאך. א רגע איידער דער גבאי האט געהאלטן ביים שליסן די געשעפט האט זיך פלוצלונג געהערט א רוף פון דעם צווייטן עק שול.

א איד, וועלכער האט זיך ביז יעצט נישט אריינגעמישט אין די פארמעסט, האט זיך אויפגעשטעלט און זיך אנגערופן פאר'ן ציבור אז ער איז גרייט צודאפלען די סומע, צו צאלן פאר די עליה די פאנטאסטישע סומע פון פופציג טויזנט דאלער, אבער ער האט דערצו איין תנאי.

"איך האב א קינד וואס האלט שוין זיבן יאר פון די חתונה, ער האט נאכנישט זוכה געווען צו קיין קינדער. איך וועל יעצט קויפן די עליה און נאך די עליה וועט דער גבאי מאכן א מי שברך. ביי די מי שברך וועט ער זאגן 'בעבור' אז מיין קינד זאל געהאלפן ווערן מיט א קינד און דער גאנצער עולם וועט נאך ענטפערן א הילכיגער אמן".

מיט טרערן אין די אויגן האט דער גביר פארענדיגט זיין בקשה, דער ציבור האט צוגעשאקלט מיט'ן קאפ און מיט א הילכיגקייט האט דער גבאי אויסגעשריגן דער:

"זכה לו".

מען האט אנגעהויבן ליינען. מען האט אויסגערופן דעם איד, ער האט עולה געווען לתורה און נאך זיין עליה האט דער גבאי געמאכט דעם "מי שברך" און אויסגעשמועסט דער "בעבור מה שיתן". און דער עולם האט הילכיג געשריגן 'אמן'.

א געהויבענער געפיל האט זיך געשפירט אין די לופט. די מתפללים האבן געשפירט אז מען האט גע'פועל'ט די ישועה.

צום יאר איז צום דעם יונגערמאן געבוירן געווארן א קינד.

דער כח פון דער אמן האט משפיע געווען.

## שערי גן עדן
### אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



די מצבה פון דער בעל 'מאיר נתיבים' אין די שטאט אוסטרהא

## דער בעל 'מאיר נתיבים' י' באייר תק"ן

דער גאון וצדיק רבי מאיר מרגליות איז געבוירן געווארן אין יאר תס"ה אין די שטאט יאזלוויץ צו זיין פאטער רבי צבי הירש וועלכע האט געדינט אלץ דער רב פון די שטאט. ביי זיין טאטע אין שטוב האט ער זיך אנגעזאפט מיט תורה וקדושה און שוין אין די יונגע עלטער פון פינף יאר אלט איז ער שוין געווען בקי אין משנה וגמרא און זיך מפלפל געווען אין איר.

אין זיינע יונגע יארן האט ער זיך מדבק געווען אין דער הייליגער 'בעל שם טוב הק'. אלט זייענדיג צוועלעף יאר האט ער זיך ארויסגעלאזט צו אים אויף א רייזע אין באגלייטיגונג פון זיין עלטערער ברודער רבי יצחק בער.

איבער די קשר וואס האט זיך שוין אנגעהויבן ביי אים אין די יונגע יארן דערמאנט ער שוין אין די צוואה וואס ער האט געשריבן. אין די צוואה [סוד יכין ובועז פרק ב'] שרייבט ער די פאלגענדע ווערטער:"ומילדותי, מיום שהכרתי כדביקות האהבה עם מורי הרב מוהר"ר ישראל תנצב"ה, ידעתי נאמנה שהיו הנהגותיו בקדושה ובטהרה, ברוב חסידות ופרישות... וכבוד ה' הסתר דבר".

רבי מאיר האט געדינט ברבנות אין עטליכע שטעט. אין די עלטער פון ניין און צוואנציג יאר האט ער געהאט זיין ערשטער רבנות פאסטן. דאס איז געווען אין די שטאט יאזלאוויץ, וואו ער האט ממלא געווען מקומו פון זיין פאטער.

שפעטער האט ער געדינט ברבנות אין די שטעט: ברסלב, קאמארנא, לעמבערג, הארדענקא און אוסטרהא. פון אלע קהילות בישראל האט מען זיך געווענדן צו אים מיט שאלות בהלכה און זיינע תשובה'ס איז געווארן נתקבל בכל תפוצות ישראל.

ער האט איבערגעלאזט נאך זיך אסאך ספרים אבער ווייניג פון זיי זענען געדרוקט געווארן. פון זיי איז דא דער 'מאיר נתיבים' שו"ת ועל התורה; 'כתנות אור' אויף תרי"ג מצוות; "מקוה המים' אויף די הלכות פון מקוואות און א ספר הצוואה וואס ער האט איבערגעלאזט פאר זיינע קינדער מיט'ן נאמען 'סוד יכין ובועז'.

דער מאיר נתיבים איז נפטר געווארן שבת קודש פרשת אחרי י' אייר תק"ן - ער ליגט אין די בית החיים פון די שטאט אויסטרהא.

## ענטפערן 'אמן' נאך די ברכת השחר

צווישן די מערערע ספרים וואס ער האט געשריבן איז דא דער ספר 'דרך הטוב והישר'. אין דעם ספר שרייבט ער אפ אלע הלכות פון ד 'חלקי שלחן ערוך' אין גראמען. די הלכות איז געשריבן געווארן בקיצור נמרץ, אבער טראץ איר קורצקייט האט ער אריינגעלייגט אין דעם דער מנהג זאגן ברכת השחר בחברותא.

מיר ברענגען דא אראפ די שטיקל וואו ער דערמאנט דער געדאנק פון ברכת השחר בחברותא:

**"משכימים ומברכים ברכות השחר, אמן עונה בל תאחר**

**מאד זכור לברך בתורה, יום אחר יום בתדירא**

**מוספי חדש ושבת מעומד, רבון העולמים ופרשת התמיד**

**מהאי טעמא דשגור בפה, מתירים לקרות בעל פה**

**נכון ללמוד משנה בתדירא. 'איזהו מקומן' עד גמירא"**